# נצבים ג

א. אין סיום הסדרה [1] שטייט „החיים והמות נתתי לפניך גו׳ ובחרת בחיים למען תחי׳ אתה וזרעך”. שטעלט זיך רש״י אויף די ווערטער „ובחרת בחיים” און זאָגט דערויף דריי ענינים: (א) דעם פירוש פון „ובחרת בחיים” — „אני מורה לכם שתבחרו בחלק החיים”. (ב) אַ משל אויף דעם — „כאדם האומר לבנו בחר לך חלק יפה בנחלתי ומעמידו על חלק היפה ואומר לו את זה ברור לך”. (ג) אַ ראי׳ דערויף פון אַ פסוק [2] — „ועל זה נאמר ה׳ מנת חלקי וכוסי אתה תומיך גורלי הנחת ידי על גורל הטוב לומר את זה קח לך” [3].

דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס איז שווער אין די ווערטער „ובחרת בחיים” וואָס רש״י דאַרף דאָס בכלל פאַרטייטשן און נאָך מיט אַן אריכות און פיל פרטים? לכאורה איז דער טייטש פון „ובחרת בחיים” גאַנץ איינפאַך (ווי עס לערנען אַנדערע פשטני המקרא [4]): דער אויבערשטער זאָגט אַן (אַלס עצה טובה [5]) צו אויסקלייבן דעם חלק החיים, דורך „לאהבה [6] את ה״א לשמוע בקולו וגו׳”.

ב. לערנענדיק בפשטות קומט אויס [7], אַז רש״י קומט דאָ באַוואָרענען אַז „ובחרת בחיים” איז ניט אַן אָנזאָג (אַ ציווי, אָדער עצה טובה) צו בוחר זיין בחיים

— עס האָט קיין אָרט ניט צו אָנזאָגן „ובחרת בחיים” — דממנ״פ: אויב מען ווייס בכלל ניט אַז ס׳איז חיים, דאַרף מען אים נאָר איבערצייגן אין דעם און ער וועט עס שוין במילא אויסקלייבן, ס׳איז איבעריק דער אָנזאָג; און אויב, ווידער, ער איז ניט איבערצייגט געוואָרן אַז דאָס איז חיים — וואָס וועט אים העלפן דער אָנזאָג (אָדער עצה) „ובחרת בחיים”, בשעת ביי אים לייגט זיך ניט אָפּ אַז דאָס איז חיים? —

נאָר מיט „ובחרת בחיים” ווערט געמיינט „אני מורה לכם” — דער אויבערשטער זאָגט אַז מיט זיין זאָגן גלייך נאָכדעם „לאהבה את ה״א גו׳” ווייזט ער אָן אידן „שתבחרו בחלק החיים”, ווייל דאָס איז חיים [8]: וויבאַלד אַז ניט אַלעמאָל זעט מען בעיני בשר אַז „חיים” איז תלוי אין „טוב” [9] (און „מות” אין „רע” [9]), דאַרף מען אָנווייזן וואָס איז די ריכטיקע און אמת׳ע זאַך פון חיים [ווי דער המשך אין פסוק: (למען תחי׳ אתה וזרעך) לאהבה את ה״א גו׳ כי הוא חייך ואורך ימיך גו׳].

---

1) ל, יט.

2) תהלים טז, ה (וראה פרש״י שם. רמב״ם סוף הל׳ שמיטה ויובל. ואכ״מ).

3) בדפוסים ראשונים וכת״י רש״י — יש כמה שינויים (קלים) בלשון רש״י. וראה גם לשון רש״י בבחיי כאן. ובשל״ה (ב, ב) הובא לשון רש״י כמו״ש בדפוסים שלנו. וראה לקמן הערות 16, 24, 26, 27.

4) ראה רמב״ן, ראב״ע ועוד.

5) ראה רמב״ן „כי יעצתיך כו׳”. וראה גם ס׳ הזכרון ובאר יצחק לפרש״י כאן.

6) פסוק כ.

7) ראה גם באר מים חיים (לאחי המהר״ל) לפרש״י כאן.

8) להעיר מלקו״ת ואתחנן רד״ה שמע ישראל. ד״ה אם בחקותי הש״ת פ״א־ב. ועוד.

9) לעיל פסוק טו־יח וברש״י.

און אויף דעם ברענגט רש״י: (א) א משל — „כאדם האומר לבנו כו׳״, אז דער טאטע באנוגנט זיך ניט מיטן זאגן „בחר לך חלק יפה בנחלתי״, נאר „מעמידו על חלק היפה״: (ב) א ראי׳ פון פסוק אז דער אויבערשטער איז „מעמיד״ אידן „על חלק היפה״ — „ועל זה נאמר כו׳ הנחת ידי על גורל הטוב לומר את זה קח לך״.

ג. ס׳איז אבער נאך אלץ ניט גלאטיק די אריכות אין רש״י:

א) וואס דארף ער בכלל ברענגען א משל „כאדם האומר לבנו כו׳״ — ער האט געקענט דעם תוכן זאגן גלייך אין נמשל (אז דער אויבערשטער איז „מעמיד״ אידן „על חלק היפה״)? ואדרבה — אין נמשל איז דער ענין, לכאורה, מער פארשטאנדיק ווי אין משל:

בנוגע קיום התורה ומצוות (נמשל) איז נויטיק אז דער אויבערשטער זאל אנווייזן אז דאס איז „חיים״ און דער „חלק היפה״: וויבאלד אז אין דער הנהגת העולם זעט אפטמאל אויס, אז „דרך רשעים צלחה״ [10] און „הצדיקים .. מצטערים בעוה״ז״ [11], דארף מען באווארענען אז רשעים „סופן לדחות באחרונה״ [11] און צדיקים „סופן לשמוח באחרונה״ [11]:

בשעת עס רעדט זיך אבער וועגן אויסקלייבן א חלק יפה אין א נחלה גשמית, איז א סך לייכטער צו זען וואס ס׳איז יפה און וואס ניט, און ס׳איז ניט (אזוי) נויטיק דער „מעמידו על חלק היפה״.

ב) נאך „ומעמידו על חלק היפה״ זאגט רש״י „ואומר לו את זה ברור לך״, וואס פון דעם איז משמע, אז נאכדעם ווי ער איז „אומר לבנו בחר לך חלק יפה בנחלתי ומעמידו על חלק היפה״, דארף זיין נאך א פעולה און אמירה „את זה ברור לך״ — איז ניט מובן: (א) וואס איז די נויטיקייט אין דעם? (ב) וואו געפינט מען די אמירה אין פסוק (אין נמשל)?

ג) דער סיום פון רש״י „ועל זה נאמר .. הנחת ידי על גורל הטוב כו׳״ — (א) „וע״ז נאמר״ (א פירוש אין פסוק דתהלים) — ניט „וכמו שנאמר״ וכיו״ב (וואס מיינט א ראי׳ אין פירוש בפסוק דא) (ב) דער „מעמידו על חלק היפה״ איז אין אן אופן וואס „הנחת ידי על גורל הטוב כו׳״:

א) רש״י איז דאך מפרש פשוטו של מקרא על אתר — פארוואס ברענגט ער „ועל זה נאמר (בתהלים) כו׳״? ב) וואס איז דער אויפטו פון „הנחת ידי״?

ד. דער ביאור בזה:

די קשיא וואס רש״י קומט פארענטפערן מיט זיין פירוש איז:

דער ענין וואס שטייט דא אין פסוק — „החיים והמות נתתי לפניך גו׳ ובחרת בחיים למען תחי׳ אתה וזרעך״ [און אזוי אויך דער פסוק שלאח״ז — „לאהבה גו׳ לשמוע בקולו גו׳ כי הוא חייך גו׳״] — שטייט שוין און אויספירלעך אין די פריערדיקע פסוקים: „ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב ואת המות ואת הרע״ [12], וואס דער פשט דערפון איז, אז „זה תלוי בזה אם תעשה טוב הרי

10) ירמי׳ יב, א.

11) לשון הספרי ר״פ ראה *. וראה רש״י תולדות כז, כט.

*) ואולי ספרי זה הוא המקור (עכ״פ) לכללות פרש״י זה. וכן משמע קצת בפרש״י תהלים שם (ד״ה תומיך).

12) ל, טו.

לך חיים ואם תעשה רע הרי לך מות" [13], און ווי דער פסוק איז דערנאך [14] מפרש „אשר אנכי מצוך היום לאהבה גו' וחיית ורבית גו' ואם יפנה לבבך גו' הגדתי לכם גו'" —

איז פארוואס חזר'ט עס איבער דער פסוק דא נאכאמאל [15]?

לערנט דעריבער רש"י אז דער חידוש אינעם תוכן הכתוב דא איז מודגש אין די ווערטער „ובחרת בחיים" (וואס שטייען ניט פריער).

אין וואס באשטייט דער חידוש? ברענגט דערויף רש"י א משל — „כאדם האומר לבנו כו' ומעמידו על חלק היפה ואומר לו את זה ברור לך", וואס דאס גיט צו פארשטיין, אז עס איז דא א פאל וואס אפילו נאכן „מעמידו על חלק היפה" פאדערט זיך ערשט אן אמירה „את זה ברור לך" (כדלקמן);

ועד"ז בענינינו: דער „אני מורה לכם שתבחרו בחלק החיים" פון אונזער פסוק איז ווי דער „אומר לו" וואס קומט נאכן „מעמידו על חלק היפה" — נאכדעם ווי די תורה איז מבאר אין די פריערדיקע פסוקים אז „אם תעשה טוב הרי לך חיים", דארף ערשט זיין אן אנזאג „ובחרת בחיים".

ה. דערפון וואס מ'געפינט (אין משל), אז נאכדעם ווי מען גיט א „חלק יפה" (אין זיין נחלה) דארף מען ערשט „מעמיד" זיין „על חלק היפה", איז מובן אז דא רעדט זיך וועגן אזא נחלה ביי וועלכער ס'איז שווער צו וויסן (פון אויסערלעכן קוק) וועלכער איז דער „חלק היפה" אין איר — און דעריבער מוז דער נותן „מעמידו על חלק היפה".

[דערמיט קען מען אויך מסביר זיין דעם דיוק אין משל „כאדם האומר לבנו כו'" (ניט — „לחבירו" [16]):

די זיכערקייט פון מקבל אז דער נותן איז אים מעמיד על חלק היפה, איז פארבונדן מיט (דעם וואס ער ווייס) צוויי זאכן — (א) ביים נותן איז קלאר וואס ס'איז דער חלק היפה [17]; (ב) דער נותן איז אויסן זיין (דעם מקבל'ס) טובה מיטן פולן הארצן און איז דעריבער גרייט אים אפצוגעבן דעם חלק היפה פון זיין נחלה — און (די וודאות אין) די צוויי פרטים זיינען מודגש אין משל: (א) דער חלק איז „נחלתי" — של הנותן, ובמילא האט ער א קלארע ידיעה אין דעם; (ב) ער גיט עס „לבנו", וואס א טאטע איז (מער ווי עמעצער אנדערש) גרייט געבן זיין זון דעם חלק היפה פון זיין נחלה.

ועד"ז איז עס אין נמשל, בנוגע דעם אויבערשטן מיט אידן: כדי אז ביי אידן זאל זיך אפלייגן אז „חיים" און „טוב" זיינען „זה תלוי בזה" — כאטש אז בעיני בשר זעט מען עס ניט אלעמאל — זאגט מען אים אז ער זאל זיך ארייינטראכטן אין צוויי זאכן: (א) די וועלט איז „נחלתי" — פון אויבערשטן, בורא עולם ומנהיגו, און דעריבער ווייס ער וואס ס'איז דער ריכטיקער וועג פון „חיים". (ב) אידן זיינען „בנים .. לה' אלקיכם" [18]

---

13) רש"י שם.

14) שם, טז־יח וברש"י שם.

15) ברמב"ן כאן: והנה הוא כמחתים העדים כו'. אבל ראה רש"י וילך לא, כח. וראה בארוכה לקמן ע' 329 ואילך.

16) אבל להעיר שבדפוס ראשון ושני (ובכו"כ כת"י רש"י. וכן בבחיי כאן) איתא — „לחברו" [ובספרי שם: משל למלך כו' והזמין כל האורחים וה"י אוהבו כו']. אבל בפרש"י תהלים שם: כאדם האוהב אחד מבניו כו'.

17) להעיר גם מאוה"ח ר"פ ראה.

18) ראה יד, א.

— קענען זיי זיין זיכער אַז דער אויבערשטער זוכט נאָר זייער טובה וועגן].

וויבאַלד אָבער אַז מען זעט פּאַרט ניט בעיני בשר דעם „חלק היפה", און מ'פאַרלאָזט זיך אויפן וואָרט פונעם נותן — איז מובן, אַז דער נותן באַנוגנט זיך ניט מיט „מעמידו על חלק היפה", נאָר ער איז ווידער מזרז דעם מקבל און זאָגט אים נאָכאַמאָל ער זאָל נעמען דעם חלק היפה; און דאָס איז וואָס ער איז מוסיף — „ואומר לו את זה ברור לך".

ועד"ז בעניננו, אַז אויך נאָכן מסביר זיין די אידן אַז „חיים" און „טוב" זיינען „זה תלוי בזה", מ'איז זיי מעמיד על חלק היפה, פאָדערט זיך נאָך אַ זירוז מיוחד [19] מלמעלה: „ובחרת בחיים למען תחי' אתה וזרעך", אַז אידן זאָלן זיך לגמרי פאַרלאָזן אויפן אויבערשטן און אויסקלייבן „חלק החיים".

ו. מען קען נאָך אָבער פרעגן — לכאורה איז דער משל ניט דומה צום נמשל:

אין משל פאַרשטייט מען ווי דער זירוז „את זה ברור לך" ווירקט אויפן בן, ווייל

(נוסף אויף דעם וואָס עס רעדט זיך וועגן אַ זירוז פון אַ אב בגשמיות בנוגע אַ נחלה גשמית, און דעריבער, כאָטש דער בן זעט ניט בעיני בשר אַז דאָס איז דער „חלק היפה" פון דער נחלה, גיט עס אים אָבער אַ הרגשה אין די אמת־קייט פון דברי אביו [19*])

דער בן האָט ניט קיין אייגענע ידיעה מוחלטה בטיב הנחלה פון אביו — צו וויסן וואָס עס איז דער חלק היפה פון דער נחלה, דעריבער איז פאַר אים גענוג און ער נעמט אָן די פאַרזיכערונג און זירוז פונעם אב הנותן.

משא"כ אין נמשל, איז ניט נאָר וואָס מען זעט ניט (אַלעמאָל) דעם „מעמידו על חלק היפה" („אם תעשה טוב הרי לך חיים") בגשמיות (ביז — אַז דאָס קען אַמאָל מיינען אויך „חיים" אין עולם הבא [20]), נאָר נאָכמער: בעיני בשר זעט ער (אַמאָל) להיפך, אַז „דרך רשעים צלחה" [10] און „נופת תטופנה שפתי זרה" [21] — דעם געשמאַק פון תענוגי העולם פילט ער מיט די חושי הגוף, און אַז „ואחריתה מרה כלענה" [22] איז נאָר אַן ענין וואָס ער גלויבט אָדער (לכל היותר) פאַרשטייט בשכלו —

היינט ווי קען דער זירוז, וואָס דער אויבערשטער זאָגט אָן (דורך משה) בתורתו „ובחרת בחיים" באַווירקן בוודאות דעם מענטשן צו אָפּלאָזן די זאַכן פון חיים גשמיים און אַנשטאָט דעם אויסקלייבן דעם טוב וחיים פון תומ"צ ?

אויף דעם איז רש"י ממשיך — „ועל זה נאמר ה' מנת חלקי וכוסי אתה תומיך גורלי הנחת ידי על גורל הטוב לומר את זה קח לך":

„ובחרת בחיים" איז ניט סתם אַן אמירה, נאָר דערמיט ווערט (אויך)

---

19) להעיר מפרש"י צו (י, ב) צריך הכתוב לזרז כו'. ראה (יב, כג) „שהיו שטופים כו' הוצרך לומר חזק". ועוד.

19*) להעיר מרד"ה ומקנה רב תרס"ו.

20) ראה תיב"ע כאן. בחיי כאן (ולעיל פסוק טו). אוה"ח כאן. וראה ספרי שם. ועוד.

אבל להעיר, שמלשון הכתוב „כי הוא חייך וארך ימיך לשבת על האדמה גו'" משמע, שהמדובר (עכ"פ — ע"פ פשוטו של מקרא) בחיים גשמיים. וראה לקמן בפנים.

21) משלי ה, ג.

22) שם, ד.

אויפגעטאן „תומיך גורלי .. הנחת ידי על גורל הטוב כו'": דער אויבערשטער ווייזט אן אידן („אני מורה לכם") אין גשמיות דעם „גורל הטוב", ביז מ'זעט בעיני בשר (עכ"פ — מזמן לזמן) ווי דורך עשיית טוב באקומט מען „חיים" כפשוטם [23], אזוי אז עס איז שייך הנחת יד אויפן „גורל הטוב" (מ'קען עס אנ־טאפן מיט דער האנט) — וואס דאס איז מאמת ביי א אידן אז עשיית טוב איז זיין „גורל הטוב" און „חלק החיים".

ז. דערמיט קען מען אויך מסביר זיין דעם שינוי אין לשון רש"י — אין משל זאגט ער „ואומר לו את זה ברור לך", און אין נמשל (אין אויסטייטש פון פסוק „ה' מנת חלקי וכוסי גו'") זאגט ער [24] „לומר את זה קח לך":

וויבאלד דער זירוז פון טאטן (נאכן „מעמידו על חלק היפה") איז נאר בדיבור — קומט אויס, אז די בחירה גופא געהערט דורכאויס צום בן, דעריבער זאגט דער אב „את זה ברור לך", דער בן זאל (אליין) אויסקלייבן דעם „חלק היפה" וועלכן דער אב ווייזט אים אן.

משא"כ די אמירה פון אויבערשטן „ובחרת בחיים" איז אין אן אופן פון „הנחת ידי על גורל הטוב" [25] — דער „גורל הטוב" איז שוין געווארן אויסגע־קליבן און פארבונדן מיט דעם אידן און פאר אים איז געבליבן ניט מער ווי דער נעמען דעם (אויסגעקליבענעם) גורל הטוב — את זה קח לך.

[און דערפאר זאגט רש"י דעם לשון [26] „הנחת ידי כו' לומר את זה קח לך" (ניט ווי אין משל „ואומר לו כו'") — ווייל דער עיקר איז „הנחת ידי כו'" און די אמירה „את זה קח לך" איז נאר די כוונה פון דעם („לומר"), א תוצאה פונעם „הנחת ידי"].

ח. אין דעם שינוי הנ"ל אין לשון רש"י איז אויך מרומז אן ענין אין הלכה, ובהקדים נאך א דיוק — אז דער חלק היפה ווערט אנגערופן אין נמשל (אין פסוק) „גורלי", „גורל הטוב" [27] — וואס די כוונה אין דעם איז צו מרמז זיין, אז דער אופן הבחירה פון אידן אין „חלק החיים" איז ווי א חלוקה ע"פ גורל.

און דערמיט איז מובן דער שינוי לשון הנ"ל צווישן משל און נמשל („ברור לך" און „קח לך"), וואס איז מרמז אויפן חילוק צווישן דער פעולה ביי „אדם האומר לבנו כו'" און א גורל באופן וואס „הנחת (דער אויבערשטער) ידי על גורל כו'":

בנוגע צו חלוקת השותפים דורך א גורל האלטן כמה ראשונים [28], אז דער גורל איז נאר מברר וועלכער חלק יעדער פון זיי דארף באקומען, אבער כדי אז דער חלק זאל טאקע ווערן זיינער מוז ער נאכדעם מאכן א קנין:

משא"כ ביי חלוקת ארץ ישראל ע"פ גורל, וואס איז געווען דורך „קלפי

23) או — שמרגיש איך שחיים אמיתיים הוא (לא חיים בשריים וגשמיים, כ"א) חיים של תומ"צ.

24) ובדפוס ראשון הגירסא בהמשל: את זה בחר לך ואת זה קח לך.

25) ולהעיר, שבפרש"י תהלים שם, גם במשל אומר „כאדם כו' ומניח ידו על חלק הטוב" (ועד"ז הוא בספרי שם), אבל מסיים (לא „קח לך", כ"א „בחר לך". ואכ"מ.

26) אבל בדפוס א': ואומרת לי (ובא' מכת"י רש"י: ואמרת). ובכת"י אחדים תיבת „לומר" ליתא.

27) ובכת"י אחדים דרש"י הגירסא: חלק הטוב. ובא' מכת"י רש"י: חלק וגורל הטוב.

28) נסמנו באנציקלופדיא תלמודית ע' גורל (כרך ה' ע' תיח־ט).

ואורים ותומים"[29] („ברוח הקודש"[30]), האלטן אלע[31] אַז דורך דעם גורל איז נקנה געוואָרן צו יעדן אידן זיין חלק אין א"י.

וכעין זה בעניננו: ביי „אדם האומר לבנו כו'" איז זיין אמירה נאָר מברר פאַרן בן וועלכער ס'איז דער „חלק הי־פה" — „אומר לו את זה ברור לך"; משא"כ אין נמשל, איז די אמירה פון אויבערשטן „ובחרת בחיים" (ניט נאָר מברר דעם „חלק החיים", נאָר עס) טוט אויף[32] אַז דער „גורל הטוב" ווערט שוין „נקנה" צום אידן (ער דאַרף עס נאָר נעמען בפועל ממש) — עס ווערט דער „הנחת ידי על גורל הטוב לומר את זה קח לך".

ט. פון יינה של תורה אין דעם פירוש רש"י:

די צוויי ענינים הנ"ל — „חלק היפה .. ברור לך" און „גורל הטוב .. קח לך" — זיינען צוויי אופנים ווי אַ איד קען פועל'ן ביי זיך דעם „ובחרת בחיים":

איין אופן איז — אַ בחירה דורך אַ חשבון ע"פ טעם ודעת, וואָס טוב וחיים ווערן דאָן אָנגערופן „חלק היפה" [כידוע[33] אַז „חלק" מיינט די „עבודה שע"פ טעם ודעת"]; און די בחירה איז אין אַן אופן פון „ברור לך" — עס זיינען דאָ צוויי דרכים וחלקים, וואָס יעדער פון זיי האָט אַ מעלה לגבי דעם צווייטן (אַנדערש איז דאָך ניט שייך די זאַך פון ברור — קלייבן) — און מען קלייבט אויס איין חלק ניט דעם צווייטן.

דער צווייטער אופן איז, אַז מען איז בוחר אין טוב וחיים (ניט מצד אַ חשבון, נאָר) מיט אַ בחירה למעלה מטעם ודעת[34], וואָס דאַן ווערט דער ענין פון „חיים" אָנגערופן „גורל הטוב" [כידוע[35] — וכן הוא בפשטות — אַז גורל איז ניט בבחינת דעת — נאָר „למעלה מבחינת דעת"]; און די בחירה באַשטייט נאָר אין „קח לך" — דער צווייטער חלק ודרך האָט מלכתחילה קיין אָרט ניט, און די עבודה באַשטייט ניט מער ווי אין נעמען דעם „גורל הטוב".

יו"ד. וועט מען דאָס פאַרשטיין לויט דעם וואָס חסידות[36] איז מבאר, אַז דורך רשעים צלחה, ובכלל — השפעת החיות צו קליפה איז מצד בחי' מקיף, און דעריבער איז זי בריבוי, אָן אַ חשבון; משא"כ די השפעה צו קדושה איז פון דעם אור פנימי, אור בכלי דוקא, ובמילא איז זי מיט אַ חשבון;

און דאָס איז דער גודל המעלה פון אידן אין דעם וואָס זיי זיינען בוחר בהקב"ה, אין קדושה — זיי זיינען מוותר אויפן ריבוי ההשפעה וואָס איז דאָ אין צד הקליפה און זיינען בוחר אין דער השפעה מצומצמת מצד הקדושה[37].

---

29) לשון הגמרא — ב"ב קו, ב.

30) רשב"ם ב"ב שם. מב"ב קכב, א. הובא בפרש"י פינחס כו, נד. וראה ספרי פינחס שם.

31) ראה הנסמן באנציקלופדיא תלמודית שם (ע' תיט).

32) דדיבורו של הקב"ה חשיב מעשה (ראה פרש"י לך טו, יח).

33) בפירוש „אשרנו מה טוב חלקנו" — סד"ה אשרנו תרצ"ו (בסה"מ קונטרסים ח"ב). וראה סד"ה אשרנו הש"ת. ועוד.

34) ראה תניא פי"ט (כה, א): לעמוד .. בלי שום טעם ודעת ושכל מושג לו .. ולבחור לו ה' לחלקו ולגורלו כו'.

35) אגה"ק סו"ס ז. וראה ד"ה אך בגורל — אוה"ת ר"פ פינחס. תרכ"ו. ד"ה אשרנו תרצ"ו פ"ד ואילך. ועוד.

36) תו"א ר"פ בשלח. ובכ"מ. וראה במקומות שצויינו בהערה הבאה.

37) ראה בכ"ז בארוכה קונטרס ומעין מאמר ח' ואילך. וראה אוה"ת תבא ע' תתערב ואילך. ד"ה כבוד מלכותך תר"ס. ועוד.

פאַרוואָס זיינען אידן טאַקע בוחר אין דעם? זיינען דאָ, בכללות, צוויי ביאורים:

א) היות אַז דער ריבוי ההשפעה צו רשעים איז נאָר לפי שעה און דערנאָך וועט זי נפסק ווערן[38], און לאידך — וועט די השפעה צו צדיקים סו״ס זיין בריבוי עצום[39], כמאמר[40]: אם לעוברי רצונו כך לעושי רצונו על אחת כו״כ;

דאָס איז די בחירה ע״פ טעם ודעת (ער מאַכט אַ חשבון אַז עס לוינט זיך אים צו בוחר זיין אין קדושה), וואָס איז מרומז אין דעם ערשטן ענין אין רש״י: חלק היפה.. ברור לך.

ב) וויבאַלד די השפעה מצומצמת איז מצד הקדושה, דאָס איז פנימיות רצון העליון — ניט ווי די השפעה צו קליפה וואָס איז „כמאן דשדי בתר כתפוי"[41] — איז ער בוחר אין קדושה[42]. ד. ה. אַז די השפעה פון קדושה אין אַן אופן פון „באור פני מלך חיים", הגם זי איז אַ מצומצמת, איז ביי אים מער חביב[43] ווי דער ריבוי וואָס איז דאָ אין קליפה —

דאָס איז ניט אַ בחירה ע״פ חשבון, נאָר למעלה מטעם ודעת, דאָס וואָס אַ איד וויל בעצם אלקות מצד בחי׳ „גורל" שבנשמה[44]; און דעריבער איז אין דעם ניט שייך דער אופן פון „ברור לך" (וואָרום מצד דער מדריגה אין נשמה איז יעדע זאַך אויסער אלקות מלכת־חילה ניט תופס מקום), נאָר דער „גורל הטוב.. קח לך", אַז ער זאָל דאָס בחי׳ גורל אַראָפּטראָגן אין אַ פנימיות, ביז אין מחשבה דיבור ומעשה.

יא. אעפ״כ שטייט אין פסוק „החיים והמות נתתי לפניך גו׳ ובחרת בחיים גו׳", אַז עס רעדט זיך וועגן דעם אופן פון „ברור לך" (צווישן „חיים" און „מות") — ווי פאַרשטאַנדיק אויך פון דיוק לשון רש״י „ועל זה נאמר כו׳", אַז דער ענין פון „הנחת ידי על גורל הטוב לומר.. קח לך" איז ניט דער פירוש פון „ובחרת בחיים", ס׳איז נאָר וואָס „ובחרת בחיים" איז כולל אויך דעם ענין, וואָס בפירוש שטייט ער במקום אחר.

דער ביאור בזה: אין דעם ענין פון „החיים והמות נתתי לפניך גו׳ ובחרת בחיים" — אַז דאָס וואָס אַ איד קלייבט אויס דעם חלק החיים איז אין אַן אופן פון בחירה חפשית — זיינען דאָ צוויי ענינים:

א) דער שורש הענין פון דעם וואָס אַ איד איז בוחר אין אלקות איז מצד דעם וואָס דער עצם הנשמה פון אַ אידן איז איין זאַך, כביכול, מיט עצמות[45]; און די

---

38) קונטרס ומעין (מאמר ו׳ בסופו. מ״ז פ״ד. מ״א פ״ב). ועוד. וראה ספרי דלעיל הערה 11. ובד״ה כבוד מלכותך שם: ובסוף יתגלה.. איך שהם בחי׳ מות ממש.

39) ראה קונטרס ומעין מ״י פ״ג. ד״ה כבוד מלכותך שם.

40) נדרים ג, סע״ב. מכות בסופה. תו״א שם (סא, ג).

41) תניא פכ״ב. נת׳ בקונט׳ ומעין מ״ב פ״ב ואילך. וראה סדור ד״ה עבדים היינו.

42) ראה בארוכה קונטרס ומעין מאמר ז׳ (ועוד) — דפנימיות רצון העליון מאיר לישראל דוקא.

43) ע״ד פי׳ הבעש״ט (כתר שם טוב סצ״ז) ב„תפלה לעני גו׳ ולפני ה׳ ישפוך שיחו" — שמבוקשו הוא שרוצה רק לדבר עם המלך (להיות „לפני ה׳") ואין נוגע לו הכבוד והעושר כו׳, עיי״ש.

44) ע״פ המבואר בפנים יומתק יותר מה שמפרש בבחיי כאן הלשון „גורל הטוב" [ולא „היפה", כמ״ש לפנ״ז „חלק היפה"] — „שהקב״ה נק׳ טוב וכו׳" — כי מצד בחי׳ גורל שבנשמה, זה שבוחר בחיים הוא (לא כדי שיהי׳ לו ריבוי בגשמיות — „חלק היפה" — כ״א) מצד זה שרוצה לידבק בהקב״ה, כבפנים.

45) ד״ה כבוד מלכותך הנ״ל. סיום המשך תקעו עת״ר (קה״ת תשל״ה – ע׳ יא. סה״מ עת״ר (הוצאת תשמ״ה) ע׳ רמט).

ועד״ז כח הבחירה שבנשמה — מה ש„הן האדם הי׳ כאחד ממנו" (ראה רמב״ם הל׳ תשובה רפ״ה)

חפשיות הבחירה אין דער דרגא — כאָטש אַז ס'איז ניט שייך צו זאָגן אַז דער עצם הנשמה וועט בוחר זיין עפּעס אַנדערש ווי אלקות ח"ו [46] — מיינט, אַז די בחירה והתקשרות פון אַ אידן אין אלקות איז ניט מצד אַ הכרח (אַ טעם ומעלה)

— וואָס דאַן איז (א) די התקשרות מיט אַ הגבלה (לפי הטעם ומעלה); (ב) ס'איז ניט קיין אמת'ע בחירה חפשית [47], ווייל מצד דעם טעם ומעלה, איז ער כאילו „מוכרח" אין דעם —

נאָר ווייל אַזוי איז דער רצון ובחירה פון עצם הנשמה מצד עצמה; און ווי־באַלד אַז דאָס איז ניט צוליב אַ טעם ומעלה, איז די בחירה אין אַן אופן אַז יעדער ענין אויסער אלקות איז מושלל בתכלית [48].

ב) דער גילוי פון דער בחירה אין אלקות איז אין שכל האדם [49]. ווייל ווען איז ניכר אַז דער רצון פון אַ אידן אין אלקות איז בבחירתו החפשית — בשעת ער האָט בפועל צוויי דרכים פון „חיים" און „מות" און ער איז בוחר בחיים; און דאָס איז שייך דוקא אין שכל האדם, וואָס קען געפינען אַ מעלה אין ביידע דרכים און פונדעסטוועגן איז — „ובחרת בחיים".

און דערפאַר ווערט געזאָגט אין פסוק „החיים והמות נתתי לפניך גו' ובחרת בחיים" — ווייל אין עבודה בפועל איז די בחירה (ע"פ טעם ודעת) אין אַן אופן פון „ברור לך":

נאָר רש"י, יינה של תורה, איז מגלה דעם תוכן פנימי פון „ובחרת בחיים" — „ועל זה נאמר כו' הנחת ידי על גורל הטוב לומר את זה קח לך": די פנימיות ואמיתיות פון דער בחירה אין אלקות אין דער דרגא פון טעם ודעת (די בחירה בפועל) — איז דאָס (אויך) די בחירה פון בחי' „גורל" שבנשמה (עצם הנשמה) אין אלקות, וואָס איז שולל בתכלית „מות" און „רע", אַזוי אַז עס דאַרף נאָר זיין דער „קח לך" (כנ"ל בארוכה).

יב. ע"פ כהנ"ל וועט מען אויך פאַר־שטיין די שייכות פון ענין הנ"ל צו פ' נצבים — אַ פרשה וואָס „קורין לעולם קודם ר"ה" [50], און וויבאַלד אַז „הכל הולך אחר החתום" [51], איז מובן, אַז די

---

ולכן אין מי שמעכב על ידו, כמו הקב"ה דאין מעכב על ידו (לקו"ת אמור לח, ב) — שרשו בעצם הנשמה (וראה לקו"ת שם: אך לפי שבחינה ומעלה הרמה זו ירדה ונתלבשה למטה בגוף הגשמי כו', עיי"ש).

46) ראה ד"ה כבוד מלכותך שם: ואינו שייך רצון אחר כלל. ובלקו"ת שבהערה הקודמת: אך לפי שבחינה .. זו ירדה ונתלבשה .. ע"כ יכולה להיות ממשלה זו גם לבחור הרע ח"ו כו'. וראה תו"ש ע' 220 ובהערה 4 שם.

בד"ה כבוד מלכותך שם (ועד"ז בסה"מ עת"ר ע' קעו), שמשו"ז עיקר ענין הבחירה הוא בכחות הנפש, כי בעצם ושורש הנשמה „מה שהיא רוצה ונמשכת לאלקות הוא בדרך ממילא בלי בחירה ורצון" — אבל מהמבואר במקומות שצויינו בהערה הקודמת מובן, שגם בעצם הנשמה ישנו ענין הבחירה (ואדרבה — שם הוא אמיתית ענין הבחירה), והכוונה בהמאמר שם י"ל שהיא לשלילת אופן הבחירה כמו"ש בדרגא דשכל ומדות.

47) ראה לעיל הערה 45, דכח הבחירה של הנשמה הוא דוגמת הבחירה למעלה שהיא בחירה חפשית לגמרי.

48) ראה בארוכה לקו"ש ח"ד ע' 1341 ובהערות שם. חי"א ע' 7 הערה 58.

49) ד"ה כבוד מלכותך (ועד"ז בסה"מ עת"ר וסיום ההמשך הנ"ל) שם, עיי"ש באורך. וראה ג"כ לקו"ת פרשתנו מו, רע"ג. ולהעיר ג"כ מלקו"ת שנעתק לעיל הערה 45. וראה לקו"ש ח"ו ע' 113 הערה 47.

50) לקו"ת ריש פרשתנו. ע"פ תוד"ה קללות מגילה לא, ב. טושו"ע או"ח סתכ"ח ס"ד.

51) ברכות יב, א.

שייכות פון פ' נצבים צו ר"ה איז ניט נאָר אין התחלת הפרשה („אתם נצבים היום גו'")[52] נאָר (אויך) אין סיום הפרשה:

ראש השנה איז דער זמן ווען מ'איז מעורר דעם אויבערשטן בוחר זיין די אידן[53], ווי מ'זאָגט און מ'בעט (פאַר תקיעות) „יבחר[54] לנו את נחלתינו את גאון יעקב אשר אהב סלה" — וואָס אין דער בחירה זיינען דאָ צוויי ענינים (ע"ד הנ"ל סי"א):

דער שורש הבחירה איז דאָס וואָס עצמותו ית' איז בוחר נשמות ישראל ניט מצד אַ טעם, נאָר בבחירתו החפשית, וואָס מצד דעם איז „להחליפם באומה אחרת איני יכול"[55] — ס'איז „ישראל ומלכא בלחודוהי"[56] און ס'איז ניטאָ קיין אָרט ח"ו פאַר אַנדערע[57].

און דער גילוי הבחירה למטה איז אין אַן אופן פון „והייתם לי סגולה מכל העמים גו'"[58] — ס'זיינען דאָ „אחרים עמכם", און פונדעסטוועגן „הם בעיני ולפני לכלום", ובמילא איז — „חבתכם נכרת".

וויבאַלד אַז בראש השנה איז הכל „חוזר לקדמותו"[59] — דאַרף מען אויפטאָן און ממשיך זיין דעם „יבחר לנו" פון שרשו ומקורו, פון עצמותו ית'; און דאָס ווערט דורך דער־עבודה פון אידן וואָס פועל'ן ביי זיך דעם „ובחרת בחיים"[60] — ניט נאָר מצד טעם ודעת, נאָר מצד בחי' „גורל" שבנשמה, עצם הנשמה,

און דורכדעם וואָס אידן זיינען מגלה ביי זיך דאָס וואָס „בחרו בהקב"ה להיות להם לאלקים"[61], איז דאָס מעורר ומגלה דאָס וואָס „והקב"ה בחר בהם להיות לו לעם סגולה"[61], למטה מעשרה טפחים ובטוב הנראה והנגלה.

(משיחות ש"פ נצבים תשכ"ה, יום ב' דר"ה תשכ"ו)

52) כמשנ"ת בלקו"ת שם.

53) ראה בארוכה לקו"ש ח"ד ע' 1147 ואילך. לעיל ע' 164. 232.

54) תהלים מז, ה.

55) פתיחתא דרות רבה ג. וראה פסחים פז, סע"א ואילך. ועוד.

56) ראה זח"ג לב, א. וראה סד"ה ביום השמע"צ (הא') בהמשך תרס"ו.

57) ראה תו"ש שם (בריש העמוד).

58) יתרו יט, ה וברש"י. ועיין תניא פרק מט.

59) פע"ח ש' ר"ה פ"א (ובמקומות המקבילים). לקו"ת פרשתנו נא, ב. ר"ה נח, ג. וראה בארוכה סדור רמד, ד ואילך. ובכ"מ.

60) ראה אוה"ת ר"ה ס"ע א'שמג ואילך.

61) לשון המדרש – במדב"ר פי"ד, י. נת' בד"ה ביום עשתי עשר יום תשל"א (סה"מ מלוקט ח"ג ע' צט ואילך).

# ראש השנה*

א. אויף „אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם גו'"[1] זאָגט דער אַלטער רבי[2] אַז „היום" גייט אויף ראש השנה, און מ'איז „נצבים . . לפני ה' אלקיכם" — און אין אַן אופן פון „כולכם"[3], ד.ה. אַז אַלע אידן, פון „ראשיכם שבטיכם" ביז „חוטב עציך" און „שואב מימיך" און אַלע דרגות שבינתיים, שטייען אין אַן אופן פון „כולכם" (ווי ער איז דאָרטן מפרש) — „לאחדים כאחד"[4].

וואָס דאָס איז ווי דער ענין פון „נצבים היום כולכם" טוט זיך אויף מצד מלמעלה, דורך דעם (וואָס מ'איז נצבים) „לפני ה' אלקיכם".

ווי דער טייטש וואָס ברענגט זיך אין חסידות[5] אויפן וואָרט „נצבים" — אַז דאָס איז לשון נפעל, אַז אידן ווערן „נצבים", אויפגעשטעלט, דורך דעם אויבערשטן;

עס דאַרף דאָך אָבער אויך זיין עבודת האדם, „קב שלו"[6],

וו"ל אַז דורך דערויף באַקומט ער אויך די „תשעה קבים של חבירו"[6], וואָס „חבירו" גייט אויפן אויבערשטן [ווי רש"י טייטשט אָפּ אין מסכת שבת[7] בהפסוק[8] „רעך ורע אביך אל תעזוב", אַז „רעך זה הקב"ה"], ד.ה. אַז דורך עבודתו אין „קב שלו" האָט ער אַלע עשרה קבים („קב שלו" און די „תשעה קבים של חבירו").

ב. וואָס בפשטות איז די (התחלת ה)עבודה פון אַ אידן אין דערויף — דאָס וואָס „ישראל (ד)קדשינהו לזמנים"[9], וואָס דערפאַר זאָגט מען (בר"ה) „מקדש ישראל ויום הזכרון".

נוסף לזה: דורך דערויף וואָס אידן קלייבן זיך צוזאַמען „כאיש אחד בלב אחד"[10], צוליב איין מטרה און איין ענין — טוען זיי אויף ע"י עבודתם (אַ הוספה) אין דעם ענין פון „נצבים היום כולכם".

ובפרט ווען מ'פאַרבינדט דאָס (דעם צוזאַמענקלייבן זיך) מיט אַ דבר גשמי וואָס ווערט „דם ובשר כבשרו"[11] — (ובפרט — מיט זאָגן (אַז דער גשמי וועט זיין) לחיים) — וואָס דעמולט זאָגן רז"ל[12] אַז „גדולה לגימה שמקרבת כו'".

ובפרט אַז דאָס איז אויך פאַרבונדן מיט אַ יום טוב, ראש השנה, וואָס אויף אים שטייט[13] „חדות ה' היא מעוזכם",

*) הערת המו"ל: כ"ק אדמו"ר שליט"א נטל ידיו הק' לסעודה.

[צוה להכריז שאלו שעדיין לא נטלו ידיהם לסעודה — יטלו עכשיו.

אח"כ צוה להכריז שיאמרו לחיים לפני השקיעה.

ואח"כ שאל אם יש עדיין „נמושות". ואח"כ אמר:]

1) נצבים כט, ט־י.

2) בלקו"ת ר"פ נצבים. וראה זח"ב לב, ב.

3) להעיר שלפני מ"ת הי' ויחן שם ישראל כאיש אחד בלב אחד (רש"י יתרו יט, ב) נגד ההר (ראה בחיי), ולכן אז ניתנה התורה (תנחומא באבער עה"פ).

4) וראה לקו"ש ח"ד ע' 1141 ואילך.

5) אוה"ת נצבים ע' א'קפט.

6) ל' חז"ל — ב"מ לח, א.

7) לא, א — ד"ה דעלך.

8) משלי כז, י. וראה פרש"י עה"פ. שמו"ר רפכ"ז.

9) ברכות מט, א.

10) ראה הערה 3.

11) ל' אדה"ז בתניא פ"ה (ט, סע"ב).

12) סנהדרין קג, ב.

13) נחמי' ח, י.